תצוה תשפ"ד
גליון 179

# דעם רבינ'ס ליכט



**אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין**
**וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## אַ פְּלֶעמֶעלֶע...

טַייעֶרע קִינְדֶערלֶעךְ. דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה לֶערְנְט אוּנְז רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר אַן אִינְטֶערֶסאַנְטֶע לִמּוּד. לָאמִיר קוֹדֶם אַרַיינְשְׁפַּאצִירְן אִין אַ חֶדֶר פוּן קִינְדֶער - וֶועלְן מִיר זֶען דָארְט פַארְשִׁידֶענֶע סָארְטְן קִינְדֶער.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז כְּלַל יִשְׂרָאֵל וֶוערְט צוּטֵיילְט אִין זִיבְּן כִּתּוֹת. דָאס מֵיינְט אַז עֶס קֶען זַיין אַז אִין דַיין כִּתָּה אַלֵיין אִיז דָא אַפָּאר כִּתּוֹת פוּן קִינְדֶער! קִינְדֶער וָואס זֶענֶען זֵייעֶר קְלוּג מִיט שַׁארְפֶע קֶעפּ, עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען מֶער צוּ דִי שְׁטַארְקֶע זַייט, מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט רִירְן פוּן פְּלַאץ; ווִידֶער אִיז פַארְהַאן קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פּוּנְקְט אִינְמִיטְן - זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּ שַׁארְף אוּן נִישְׁט צוּ פָּשׁוּט.

פַארְהַאן קִינְדֶער וֶועלְכֶע זֶענֶען אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט מִיט דֶער עִנְיָן פוּן קְדוּשָּׁה - זֵיי הִיטְן זִיךְ זֵייעֶר אָפּ דִי אוֹיגְן, פַארְהַאן קִינְדֶער מִיט תְּמִימוּת, זֵיי לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן שִׂמְחָה. אִין דַיין חֶדֶר אִיז מִסְתָּמָא אוֹיךְ דָא קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נִישְׁט אַיינְזִיצְן דִי פִּיסֶעלֶעךְ טַאנְץ זִיךְ זֵיי אַלֶעמָאל אַרוֹיס פוּן דִי שִׁיךְ! אָדֶער קִינְדֶער וָואס דִי הֶענְט קֶען זֵיי נִישְׁט אַיינְרוּעֶן פַאר אֵיין סֶעקוּנְדֶע! בְּקִצּוּר, קִינְדֶער מִיט אַלֶע סָארְטְן מִדּוֹת. מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכֶנְט זִיבְּן סָארְטְן קִינְדֶער, קֶעגְן דִי זִיבְּן רֶערְן פוּן דִי מְנוֹרָה.

דִי פַּרְשָׁה הֵייבְּט זִיךְ אָן "וְאַתָּה תְּצַוֶּה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ". זָאגְט רֶבִּי נָתָן אַזוֹי: דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ 'וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ', מֹשֶׁה דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק עֶר קֶען אוֹיפְוֶועקְן אוּן לִיכְטִיג מַאכְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ - דִי נְשָׁמָה פוּן דִי אִידְן וָואס זֵייעֶר שׁוֹרֶשׁ קוּמְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה.

גִיבְּט דִי תּוֹרָה אַ בַּאפֶעל פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ 'וְאַתָּה תְּצַוֶּה אַ לָשׁוֹן פוּן צַוְתָא נֶעם צוּזַאם - בַּאהֶעפְט צוּזַאמֶען דִי אִידְן' אוֹיפְן צַדִּיק לִיגְט אַן אוֹיפְגַאבֶּע אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ לִיכְטִיגְקַייט אוּן זֵיי זָאלְן וִויסְן פוּן בַּאשְׁעפֶער. אָבֶּער פוּן אוּנְזֶער זַייט לִיגְט אוֹיךְ אַן אוֹיפְגַאבֶּע "וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ" מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן נֶעמֶען אוּן בְּרֶענְגֶען פַאר'ן צַדִּיק - שֶׁמֶן זַיִת זָךְ.

וָואס אִיז דָאס דֶער שֶׁמֶן זַיִת זָךְ וָואס מִיר הָאבְּן אַ פְלִיכְט צוּ בְּרֶענְגֶען פַאר מֹשֶׁה?! דָאס אִיז אוּנְזֶערֶע גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּנְזֶער

המשך אויף קומענדיגע זייט

המשך פון זייט 1

דאַווענען, לערנען און גוטע מִדּוֹת וָואס מִיר אַלע קינדער דאַרפן טון בְּהִתְקַשְּׁרוּת צום צַדִּיק - אַז דער צַדִּיק זאָל קענען מִיט דעם אָנצינדן אונזער נְשָׁמָה; אַז אונזער מֹחַ און נְשָׁמָה זאָל בְּרענען צום בַּאשעפער אַזוי ווי אַ לִיכְטעלע וָואס בְּרענט אַזוי שיין. ווייל נֵר ה׳ נִשְׁמַת אָדָם, די נְשָׁמָה אִיז אַזוי ווי אַ לִיכְט.

וָואס שְׁטייט ווייטער אִין פָּסוּק? "כָּתִית לַמָּאוֹר - כָּתִית מיינט צעשְׁטוֹיסְן", מען דאַרף זִיךְ לָאזְן קְלַאפְּן און ווערן צעשְׁטוֹיסְן און דוּרְכְגֵיין פְּלָאג און פארשידענע בִּיטערְנִישְׁן, בִּיז מען אִיז זוֹכֶה אַז דָאס פְּלֶעמֶעלע זאָל זִיךְ אָנְכַאפְּן אויף די נְשָׁמָה. אַזוי ווי דער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט "אָעָא דְּלָא סְלִיק בֵּהּ נְהוֹרָא מְבַטְשִׁין לֵהּ, גּוּפָא דְּלָא סְלִיק בֵּהּ נְהוֹרָא דְּנִשְׁמְתָא מְבַטְשִׁין לֵהּ", אַ קְלָאץ - אַ גְרָאבֶּע שְׁטִיק האָלְץ וָואס קען זִיךְ נִישְׁט אָנְצִינְדְן, דאַרף מען דָאס צעקְלַאפְּן אויף קְליינֶע שְׁפֶּענְדֶעלֶעך! אַזוי אויךְ אַ גוּף וָואס די לִיכְטִיגְקֵייט פון די נְשָׁמָה ווערְט נִישְׁט בַּאלוֹיכְטְן, דאַרף עֶר כַאפְּן אַפָּאר פֶּעטְשְׁעלֶעך.

עֶס אִיז נִישְׁט אַזוי גֶעשְׁמַאק צוּ כַאפְּן אַ פַּאטְשׁ! דעריבער קען מען דָאס אויספּטוֹישְׁן און אַנְשְׁטָאט דעם זִיךְ פְּלָאגְן מִיט׳ן טוּן מִצְווֹת, לערנען תּוֹרָה און זִיךְ שָׁאקְלֶען בַּיים דאַווענען, וועט דָאס זַיין די קְלֶעפֶּעלֶעךְ וָואס אונזער גוּף וועט בַּאקוּמען.

אִין מִדְרָשׁ די וָואךְ ווערט אויסגעשְׁמוּסְט דער עִנְיָן פַאַרְוָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַן אַיילְבִּירְטְן בּוֹים - אַ זַיִת?! זָאגְט דער מִדְרָשׁ ווייל אַזוי ווי דער אַיילְבִּירְט ווערט אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט פון דעם בּוֹים, דערְנָאךְ צֶעקְלַאפְּט מען אִים, מען לֵייגְט אִים אַריין אִין פְּרֶעס, נָאכְדעם צֶעמָאלְט מען אִים; מען נעמְט שְׁטְרִיק און מען שְׁלֶעפְּט מִיט דעם שְׁטֵיינֶער צוּ קענען אַרוּיפְלֵייגְן אויף דעם זַיִת, נָאר אַזוי קוּמְט אַרוֹיס דער אוֹיל.

אַזוי אויךְ די אִידִישֶׁע קִינְדֶער דאַרְפְן דוּרְכְגֵיין פארשידענע סָארְטְן פְּלָאג, בִּיז מען אִיז זוֹכֶה אויסְצוּטוּן די אוּמְרֵיינֶע קְלֵיידֶער וועלְכֶע בְּרֶענְגֶען אוּנְז אַלֶע מְנִיעוֹת. און אַזוי ווי מִיר הָאבְן אָנְגֶעהוֹיבְן אַז אִין חֶדֶר אִיז דָא פארשידענע קִינְדֶער, קִינְדֶער גֵייעֶן אַ סַךְ מָאל אַדוּרְךְ בִּזְיוֹנוֹת און מען ווערט גֶעטְשֶׁעפֶּעט און אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט. דָאס הָאט אָבֶּער אַ תַּכְלִית אוֹיבּ פון דעם וועט ווערְן "לְהַעֲלוֹת נֵר תָּמִיד." מען שְׁווַייגְט אָפּ די בִּזְיוֹנוֹת און די נְשָׁמָה ווערט אויסגעלייכטעט און מִיר ווערְן ווי אַ שֵׁיינֶע מְנוֹרָה וָואס בְּרֶענְט שֵׁיינֶע לִיכְטֶעלֶעךְ.

זָאל דער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז די לִיכְטִיגְקֵייט פון די תּוֹרָה און פון די צַדִּיקִים זָאלְן אוּנְז בַּאשֵׁיינֶען, אוּנְזֶער נְשָׁמָה זָאל לַייכְטְן און מִיר זָאלְן הָאבְן גוּטֶע רְצוֹנוֹת צוּ וועלְן נָאר דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. מִיר זָאלְן זֶען נָאר די גוּטֶע מַעֲלוֹת פון אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים, און צוּזַאמֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט די עֵצוֹת פון הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. בִּיז מען וועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען בְּקָרוֹב די גְאוּלָה שְׁלֵמָה מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן, אָמֵן

# איין מעשה'לע



# אן עצה איז פאַרהאַן

דִי מַעֲשֶׂה הָאט ווירְקְלִיך פַּאסִירְט פַאר אַ יָאר זוּמֶער אִין קֶעמְפּ אִין דִי וָואכְן וֶוען מֶען פָּארְט אַרוֹיס אוֹיף הָאלִידֶעי, נֶעמֶען אוּן פְּרָטִים זֶענֶען גֶעבִּיטְן.

בֶּעְרִי אִיז אַ לֶעבֶּעדִיגֶער אִינְגְל, עֶר מַאכְט זִיכֶער אַז וֶוען עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס פְּרֵיילִיךְ אִין קֶעמְפּ אָדֶער אִין חֵדֶר, אִיז עֶר דֶער וָואס זַיין קוֹל אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעמֶען!

נָאךְ אַ הֵייסֶע זוּמֶער-טָאג לֶערְנֶען, זֶענֶען דִי קִינְדֶער אַרוֹיס אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר מִיט דִי מַדְרִיכִים אוּן דֶער רֹאשׁ הַמַּדְרִיכִים, הַיינְט גֵייט מֶען זִיךְ שְׁפִּילְן אַ שְׁפִּיל פוּן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע טַאבֶּעס [בָּאלִיס] עֶס קוּמְט מִיט וַואסֶער, אַזוֹי אַז עֶס קִילְט אָפּ דִי הֵייסֶע שְׁוִויצִיגֶע פְּנִי'מֶער פוּנֶעם לַאנְגְן שְׁפַּאצִיר.

מֶען הֵייבְּט אָן שְׁלֶעפְּן הֶעמֶערְס וַואסֶער אוּן מֶען גִיסְט עֶס אַרַיין אִין דִי פִּישְׁקֶעס פוּן דִי בָּאלִיס, עֶס וֶוערְט אַ קְרִיעַת-יַם-סוּף, דִי קִינְדֶער פְּלַאטְשְׁקֶען אוּן וַוארְפְן דִי בָּאלִיס אִין אַלֶע רִיכְטוּנְגֶען, מֶען זֶעט אָן אַז דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען אִיבֶּערְרַאשְׁט פוּנֶעם הַיינְטִיגְן שְׁפִּיל.

אָבֶּער בֶּעְרִי, נֵיין, עֶר קְרוּמְט מִיט זַיין נָאז. נֶע, עֶס אִיז צוּ פָּשׁוּט דֶער שְׁפִּיל, עֶר דַארְף מַאכְן זִיכֶער אַז מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען אַ שְׁפִּיל פוּן דֶער לְבָנָה אָדֶער גָאר הֶעכֶער, פַאר אִים פַּאסְט נִישְׁט אַזַא אַיינְפַאכֶע שְׁפִּיל. בֶּעְרִי שְׁטֶעלְט זִיךְ אִין פָּארְנְט פוּן דִי פִּישְׁקֶעס וָואס גִיסְט זִיךְ אַרוֹיס טַאבֶּעס פוּן אַלֶע זַייטְן אוּן שְׁטֵייט מִיט צְוֵויי פוֹיסְטְן גְרֵייט, קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט וַואגְן צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ דִי פִּישְׁקֶעס, עֶר ווִיל צֶעשְׁטֶערְן דִי פְרֵייד פוּן דִי תַּלְמִידִים, אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל וֶועט עֶר וַוייזְן פַאר דִי מַדְרִיכִים מֶען זָאל זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט זַיין מֵיינוּנְג, אָדֶער זָאל מֶען מַאכְן זִיכֶער אִים צוּ פְרֶעגְן פַאר מֶען בְּרֶענְגְט סַיי וֶועלְכֶע אַקְטִיוִויטֶעט, עֶס דַארְף קְלַאפְּן לוֹיט זַיין גְרוֹיסְן פַארְשְׁטַאנְד.

עֶר פְּרוּאוְוט מִיט אַלֶע מִיטְלֶען צוּ מַאכְן הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט זִיכֶער אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן. דֶער רֹאשׁ הַמַּדְרִיכִים הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעקְלִיגְט אוּן אוֹיף אַ בַּאשֵׁיידֶענֶעם וֶועג אִים גֶעשְׁטֶעלְט אִין דֶער זַייט, וֶוען דֶער שְׁפִּיל הָאט זִיךְ צוּ סוֹף זֵייעֶר פַיין אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט. דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשֶׁעפְּט פוּן אַזוֹיפִיל טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, עֶס הָאט נָאר אוֹיסְגֶעפֶעלְט צוּ לֵיינֶען מִיט זֵיי קְרִיאַת-שְׁמַע, גְרֵייטְן דִי נֶעגְל-וַואסֶער נֶעבְן דִי בֶּעטְן אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעפַאלְן אִין אַ טִיפְן שְׁלָאף גְרֵייט צוּם פְרִימָארְגְן צוּ זִינְגֶען מוֹדֶה אֲנִי.

פַארְן גֵיין שְׁלָאפְן רוּפְט דֶער רֹאשׁ הַמַּדְרִיכִים אַרַיין בֶּעְרִי אִין מְנַהֶלְ'ס צִימֶער אוּן פְרֶעגְט אִים: "בֶּעְרִי, דוּ וֵוייסְט פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶערוּפְן?".

"יָא, אַוַודְאַי וֵוייס אִיךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁטֶערְט דִי אַקְטִיוִויטֶעטְן, דִי שְׁפִּיל פוּן דִי בָּאלִיס, אִיךְ טוּ עֶס אַלֶעמָאל, אוֹיךְ אִין חֵדֶר אוֹיךְ אִין קֶעמְפּ, אוּן.... דֶער רֹאשׁ וֵוייסְט פַארְוָואס? וַוייל אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן,"

"בֶּערִי, דוּ ווִילְסְט אַן עֵצָה זִיךְ צוּ קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן?"

"נֵיין, יָא, עֶס, סְ'נִישְׁטָא קַיין עֵצָה!!!"

"פַּארְוָואס מֵיינְסְטוּ אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֵצָה פַּאר דִיר?" פְּרֶעגְט דֶער רֹאשׁ הַמַּדְרִיכִים,

"וַוייל מַיין מְנַהֵל הָאט אוֹיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה, נִישְׁט מַיין רֶבִּי אִין חֵדֶר, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט..."

"אִיךְ הָאבּ פַּאר דִיר גְרַאדֶע אַ גוּטֶע עֵצָה" זָאגְט דֶער רֹאשׁ הַמַּדְרִיכִים.

"נָא לָאמִיךְ הֶערְן, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט אוֹיבּ סְ'קֶען אַרְבֶּעטְן פַּאר מִיר, אָבֶּער לָאמִיךְ הֶערְן"

"דִי עֵצָה אִיז אַז דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידְל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אַזוֹי ווִי אַלֶע קִינְדֶער" אִיךְ, זָאגְט דֶער רֹאשׁ הַמַּדְרִיכִים, אִיךְ בֶּעט אוֹיךְ אַלֶעס פוּן בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדְן טָאג ווֶען אִיךְ קוּם אַרַיין אִין זַאל, בֶּעט אִיךְ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַז אַלֶעס זָאל קְלַאפְּן, דִי קִינְדֶער זָאל זַיין צוּפְרִידְן, עֶס זָאל נִישְׁט גֶעשֶׁען קַיין שוּם סַכָּנוֹת אָדֶער מַחֲלוֹקֶת אִין קֶעמְפּ א.א.וו.

"אָקֶעי, אִיךְ ווֶעל אוֹיךְ פְּרוּבִּירְן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער" זָאגְט בֶּערִי, גְרַאדֶע גֶעפֶּעלְט אִים דִי עֵצָה אוּן רוּפְט זִיךְ אָן מִיט אַ הַאלְבֶּע שְׁמֵייכְל, "אַ גוּטֶע נַאכְט".

דֶעם לֶעצְטְן טָאג פוּן קֶעמְפּ, אַלֶע קִינְדֶער לוֹיפְן צוּ דִי בָּאסֶעס מִיט זֵייעֶרֶע פִּישְׁקֶעס אוּן בַּאקְסֶעס, יֶעדֶעס קִינְד גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶער בָּאס ווָאס פָּארְט צוּ זַיין שְׁטָאט, בֶּערִי לוֹיפְט אוֹיךְ מִיט אַלֶע קִינְדֶער, ווֶען עֶר טְרֶעפְט דֶעם רֹאשׁ הַמַּדְרִיכִים שְׁטֵיין אוּנְטֶער אַ בּוֹים זִיךְ צוּ שִׁיקְן פוּן דִי הִיצְן. בֶּערִי לוֹיפְט צוּ צוּם גֶעטְרַייעֶן רֹאשׁ הַמַּדְרִיכִים אוּן רוּמְט אִים אַרַיין אִין אוֹיעֶר.

"אִיךְ ווִיל זָאגְן פַּאר רֹאשׁ הַמַּדְרִיכִים אַז דִי עֵצָה הָאט מִיט זֵייעֶר גֶעהָאלְפְן, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ, אַ פְרֵיילִיכֶער צוּפְרִידֶענֶער אִינְגְל, אַ גְרוֹיסְן דַאנְק, אִיר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי מַתָּנָה פַאר מַיין לֶעבְּן!"




המשך פון פאריגע וואך

...אַסַאךְ אַסַאךְ אִידְן הָאבְּן דֶערְצֵיילְט אַז דִי ווֶערְטֶער ווָאס זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן ר' צְבִי אַרְיֵה אִין זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַיינְגֶעבַּאקְן אִין זֵייעֶר הַארְץ פַאר לַאנְגֶע יָארְן אוּן זֵיי גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק אִין אִידִישְׁקֵייט אִין זֵייעֶרֶע שְׁוַואכֶע מִינוּטְן. הוּנְדֶערְטֶער זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ אִים צוּם ווֶעג פוּן רֶבִּי'ן אוּן אַסַאךְ זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן הִתְבּוֹלְלוּת, ווֶען

נִישְׁט אִים וָואלְטְן זֵיי חַס-וְשָׁלוֹם אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעמִישְׁט גֶעוָוארְן מִיט דִי גוֹיִם.

דָאס אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אַזוֹי גְרִינְג, עֶר הָאט גֶעלִיטְן פוּן בְּרוֹגְז'דִיגֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעשָׁאלְטְן אַלֶע קְלָלוֹת פַארְן מְשׁוּגָע מַאכְן זֵייעֶרֶע זוּן מִיט רֶעלִיגִיעֶזֶע גֶעדַאנְקֶען... אַזוֹי אוֹיךְ הָאט אַמָאל אֵיינֶער פוּן דִי עֶלְטֶערְן פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶע'מַסֶר'ט פַאר דִי פָּאלִיצֵיי אַז עֶר הָאט פַארְכַאפְּט זַיין זוּן... אָבֶּער מִיט-דֶעם-אַלֶעם הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן קֵיינֶעם אוּן דוּרְכְגֶעפִירְט וַוייטֶער זַיין פְלִיכְט צוּ מַאכְן פוּן אַ מִדְבָּר, יִשּׁוּב... אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַבִּיסְל דַעַת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִין דֶער וַואלְד פוּן תַּאֲווֹת אוּן כְּפִירוֹת אוּן גֶעהָאלְפְן דִי אִידְן זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע פִיס דָארְט וואו דִי הֵיילִיגֶע הַשְׁגָּחָה הָאט זֵיי אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט.

אִין דִי שְׁוֶוערֶע יָארְן פוּן דִי וֶועלְטְ'ס קְרִיג הָאט עֶר אַסַאךְ גֶעטוּהן פַארְן וְעַד-הַצָּלָה צוּ הֶעלְפְן דִי אִידְן אִין דִי בְּרֶענֶענְדִיגֶע לֶענְדֶער אִין אֵייראָפֶּע, אזוי אוֹיךְ אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן מִיט צְדָקָה פַאר דִי אָרִימֶעלַייט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וֶוען ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים רוֹזִין ז"ל הָאט גֶעוָואלְט בּוֹיעֶן דֶעם בִּנְיָן פוּן דֶער שׁוּל אִין מֵאָה-שְׁעָרִים הָאט ר' צְבִי אַרְיֵה אַסַאךְ צוּגֶעהָאלְפְן מִיט גֶעלְט בִּיז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶעהְן דֶעם בִּנְיָן שְׁטֵיין אִין אִיר פְּרַאכְט, בִּיז הַיינְט-צוּ-טָאג. בִּכְלַל הָאט עֶר אַסַאךְ גֶעבֶּענְקְט צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן וֶוען עֶר הָאט נָאר גֶעהַאט דִי גֶעלֶעגְנְהַייט אִיז עֶר אַהִין גֶעפָארְן, אִין זַיינֶע זִיבְּן אִין פוּפְצִיג לֶעבְּנְס יָארְן הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פַארְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צְוֵויי אוּן פוּפְצִיג מָאל....

פוּן גְרוֹיס בֶּענְקֶענִישׁ הָאט עֶר גֶעוָואלְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרִיבֶּערְצִיעֶן אוּן וואוֹינֶען אִין דִי הֵיילִיגֶע לַאנְד אָבֶּער זַיין תַּפְקִיד פוּן מְקָרֵב זַיין אִידְן אִין אַמֶערִיקֶע הָאט אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פוּן צוּ מַאכְן אַזַא טְרִיט, עֶר הָאט אֲפִילוּ אֵיינְמָאל בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ צוּ אַרִיבֶּערְצִיעֶן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיטְן תְּנַאי אוֹיב דוּרְכְאוֹיס דֶער גַאנְצֶער יָאר וֶועט נִישְׁט צוּקוּמֶען קַיין נַייעֶר תַּלְמִיד, אַ מְקוֹרָב, אָבֶּער ווִירְקְלִיךְ אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשֶׁען אַזַא זַאךְ, יֶעדֶעס יָאר זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ אִים נָאךְ אוּן נָאךְ נְשָׁמוֹת צוּם נַחַל נוֹבֵעַ, וֶוען עֶר גִיבְּט יֶעדְן אֵיינֶעם דֶעם רֶבִּי'ן לוֹיט דֶער דַעַת וואוּ דֶער אִיד גֶעפִינְט זִיךְ, מִיט אַ אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶע גֶעדוּלְד אוּן אַ ווִילְן צוּ הֶעלְפְן. עֶר אִיז גֶעוֶוען פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַזוֹי ווִי אַ טַאטֶע, אוּן גֶעהָאלְפְן מִיט וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט, צוּ מָאל הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן פַאר דִי בִּיזְנֶעס לַייט פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶע עֵצוֹת וָואס הָאט זֵיי אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן אָבֶּער פַאר זִיךְ אַלֵיין הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט בַּאשֵׁיידְן אוּן זִיךְ בַּאגְנוּגְנְט מִיט דָאס בִּיסְל גֶעלְט וָואס עֶר פַארְדִינֶען פוּן זַיין אַרְבֶּעט אַלְס לֶערֶער אִין אַ אִינְגְלֶעךְ שׁוּלֶע וָואס אוֹיךְ דָארְט גִיבְּט

אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַסַאךְ אִידִישְׁקַייט אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

אוֹיךְ אִין דְרוּק צוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן הָאט עֶר גֶעהַאט אַ גְרוֹיסְן חֵלֶק, אוּן הָאט אִיבֶּערְגֶעמַאכְט אַסַאךְ סִפְרֵי רַבֵּינוּ מִיט טַייטְשׁ אוֹיף עֶנְגְלִישׁ אַז יֶעדֶער אִיד ווִי פְּרָאסְט עֶר זָאל נָאר זַיין זָאל קֶענֶען פַארְזוּכְן פוּן דִי אוּנְגֶערִישֶׁע ווַיין...

דֶעם טוֹיעֶר צוּ עֶפֶענֶען אוּמַאן אִיז ר' צְבִי אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעוֶוען פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע נַחְשׁוֹנִים, ווַייל עֶר הָאט גֶעטְרָאגְן אַן אַמֶערִיקַאנֶער פַּאסְפָּארְט אִיז גֶעוֶוען גְרִינְגֶער פַאר אִים צוּ פָארְן קַיין רוּסְלַאנְד אוּן דֶערְגְרֵייכְן דֶעם הֵיילִיגְן אָרְט, דֶער הֵיילִיגֶער צִיּוּן. אִין יָאר תשכ"ד אִיז עֶר גֶעפָארְן דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל, אוּן שְׁפֶּעטֶער בִּיז זַיין פְּטִירָה אִיז עֶר גֶעוֶוען זֶעכְצְן מָאל אִין אוּמַאן!! דָאס אַלֶעס אִין אַ צַייט וֶוען קָאמוּנִיזוּם אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין פְרָאנְט אוּן גֶעוועלְטִיגְט מִיט אַן אַייזֶערְנֶעם פוּיסְט. אַסַאךְ אַסַאךְ אִידְן הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אַ דַאנְק אִים צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן פוּן רֶבִּי'ן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּם תִּיקוּן וָואס דֶער זְכוּת פוּן דֶעם אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען אוֹיף דֶער פַּאפִּיר...

וֶוען ר' צְבִי אֲרִי' אִיז לַיידֶער קְרַאנְק גֶעוָוארְן מִיט זַיין לֶעצְטְן קְרֶענְק רַחֲמָנָא לִצְלַן הָאט עֶר זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ פַארְווַיילְן זַיינֶע לֶעצְטֶע טֶעג אִין אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ, אִין דִי שְׁוֶוערֶע צַייט וֶוען עֶר אִיז אַרִיבֶּער מוֹרָא'דִיגֶע יִסּוּרִים בְּגוּף וְנֶפֶשׁ הָאט זַיין גֶעשְׁטַאלְט אוֹיפְגֶעלוֹיכְטְן נָאךְ מֶער וֶוען עֶר אִיז עוֹסֵק דִי גַאנְצֶע צַייט אִין לֶערְנֶען אוּן הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט זִיךְ גֶע'חַזְר'ט דִי פְּסוּקִים פוּנֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אַ לֶענְגֶערֶע צַייט בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ ווַיילְן נֶעבְּן אִים זַיינֶע לֶעצְטֶע טֶעג, וֶוען עֶר אִיז זַייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט גֶעוָוארְן הָאבְּן זַיינֶע תַּלְמִידִים פַארְגֶעלֶערְנְט נֶעבְּן זַיין בֶּעט גְּמָרָא אוּן זֹהַר וֶוען ר' צְבִי אַרְיֵה הֶערְט זִיךְ אַיין אוּן לֵייגְט צוּ פוּן מָאל צוּ מָאל.

ר' צְבִי אַרְיֵה אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן י"א כסליו תשל"ט אוּן אִיז בַּאעֶרְדִיגְט גֶעוָוארְן אִין הַר הַזֵּיתִים, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט נָאךְ זִיךְ אַ יְרוּשָׁה פוּן אָן-אַ-שִׁיעוּר שִׁעוּרִים אִין אַלֶע חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, בִּפְרָט אִין סִפְרֵי רַבֵּינוּ אוּן אוֹיךְ אַסַאךְ תַּלְמִידִים וָואס גֵייעֶן ווַייטֶער אִין זַיין לִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, מְקַרֵב צוּ זַיין נְשָׁמוֹת צוּ טַאטְן אִין הִימְל, שְׁטִיל אוּן בַּאשֵׁיידְן אָן קַיין רַעַשׁ אוּן פִּרְסוּם.

נָאר לֶעצְטְנְס הָאט אַז אַ תַּלְמִיד זַיינֶער תּוֹרֵם גֶעוֶוען אַ רִיזִיגְן סְכוּם גֶעלְט צוּ קֶענֶען אוֹיסְטֵיילְן אִין אַלֶע שׁוּלְן אִין אַמֶערִיקֶע לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן הַמְּבֹאָר אַז יֶעדֶער אִיד זָאל קֶענֶען עֶפֶּעס בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'נְ'ס אוֹצְרוֹת אוּן פַארְזוּכְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר.

ת.נ.צ.ב.ה.

# דער קאנטאניסט ר' יצחק דוד כהן



אין יְרוּשָׁלַיִם שְׁטֵייט אַ שוּל, עֶס הֵייסְט נִיסָן בַּקְ'ס שוּל, עֶס זִיצְט דָארְט אַ אִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי כֹּהֵן – מֶען רוּפְט אִים רֶבִּי נַפְתָּלִי בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ'ער, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער שְׁוֶוער פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בר"נ נַחְמָן.

רֶבִּי נַפְתָּלִי זִיצְט אוּן דֶער עוֹלָם אַרוּם הֶערְט אוֹיס דִי אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַּאסִירוּנְג וָואס אִיז גֶעשֶׁען יָארְן צוּרִיק מִיט רֶבִּי נַפְתָּלִי'ס טַאטֶע, ר' יִצְחָק דָּוִד.

ר' יִצְחָק דָּוִד כֹּהֵן, אַלְס קִינְד פוּן פִינֶעף יָאר הָאט מֶען אִים אַוֶועקְגֶעכַאפְּט בַּיי דִי קַאנְטָאנִיסְטְן. לַיידֶער אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען אַז אַלֶע קִינְדֶער וָועלְכֶע זֶענֶען נֶעבֶּער אַרַיינְגֶעפַאלְן בַּיי דִי חֶבְרָה זֶענֶען פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן, אָבֶער ר' יִצְחָק דָּוִד הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט בְּשׁוּם אוֹפֶן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶסְן קַיין טְרֵיפוֹת – שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר! אַ קִינְד פוּן פִינֶעף יָאר מִיט אַזֶעלְכֶע הַשָּׂגוֹת! וִויבַּאלְד עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַבִּיסְל אָנְגֶעזַאפְּט פוּן זַיין טַאטְנְס יִרְאַת שָׁמַיִם הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארְנַארְן אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ נִישְׁט.

אַזוֹי אִיז עֶר אוֹיפְגֶעוַואקְסְן גֶעוָוארְן דָארְט בַּיי דֶער מִילִיטֶער, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז אַ אִיד, עֶר הָאט גֶעגֶעסְן נָאר כָּשֶׁרְ'ס וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט דָארְט זִיךְ אָבְּבַּאכְט גֶעבְּן.

וֶוער עֶר אִיז שׁוֹין עֶלְטֶער גֶעוָוארְן, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ עֶלְטֶערֶער קָאמַאנְדִיר, וֶועלְכֶער פְלֶעגְט אִים שְׁטֶענְדִיג אָנְטוּן צָרוֹת, עֶר פְלֶעגְט אִים שְׁטֶעלְן אַלֶעמָאל אוֹיפְן פְרָאנְט אוֹיף דִי עֶרְגְסְטֶע פְלֶעצֶער - אַלְס אַ אִיד הָאט עֶר אִים גֶעוָואלְט שְׁטֶעלְן אוֹיפְן עֶרְגְסְטְן אָרְט .

דֶער ר' יִצְחָק דָּוִד הָאט גֶעהַאט אַ בֵּייז הַארְץ אוֹיף אִים, אָבֶער וָואס קֶען עֶר אִים טוּהְן? אַ גוֹי!

פַאר שִׂמְחַת תּוֹרָה פְלֶעגְט מֶען אַהֵיימְלָאזְן דִי אִידְן צוּ גֵיין אִין דִי שׁוּלְן . אִיז עֶר אַרַיין אִין אַ שׁוּל דָארְטְן עֶרְגֶעץ. דֶער קָאמַאנְדִיר זַיינֶער הָאט גֶעוָואלְט זֶעהְן וָואס עֶר טוּט זִיךְ דָארְטְן בַּיי דִי אִידְן שִׂמְחַת תּוֹרָה, אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעקוּמֶען דָארְטְן אַהִין. זֶעהְט עֶר דָארְטְן דֶעם ר' יִצְחָק דָּוִד רָאכְמַאן. רֶבִּי נַפְתָּלִי'ס פַאמִילְיֶע נָאמֶען אִיז גֶעוֶוען רָאכְמַאן .

הַכְּלָל, עֶר אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן אִין שׁוּל, אוּן ר׳ יִצְחָק דָּוִד זֶעהְט ווִי דֶער קָאמַאנְדִיר קוּמְט אָן, הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן אִים. אַז מֶען זֶעהְט אַ קָאמַאנְדִיר דַארְף מֶען דָאךְ אִים עֶפֶּעס אָפְּגֶעבְּן דֶעם כָּבוֹד זַיינֶעם, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעמַאכְט ווִיסְנְדִיג.

זָאגְט אִים דֶער קָאמַאנְדִיר: ”רָאכְמַאן, דוּ זֶעסְט מִיךְ נִישְׁט? ” . גִיבְּט ר׳ יִצְחָק דָּוִד אִים אַ קוּק אָן אוּן לָאזְט אִים אַרָאפּ צְוֵויי פְּרֶעסְק - אַהֶער אוּן אַהִין. דֶער רָאכְמַאן הָאט אַרָאפְּגֶעלָאזְט פְּרֶעסְק פַאר דֶעם קָאמַאנְדִיר - דֶעם גּוֹי - אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּאלְד טוֹיט אוֹיפְן פְּלַאץ . אַז מֶען הָאט אִים גֶענוּמֶען אִין שְׁפִּיטָאל אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען דֶערְנָאךְ ..

אִיז ר׳ יִצְחָק דָּוִד דָאךְ אוֹיסגֶעשְׁטַאנֶען אַ מִשְׁפָּט אוֹיף בַּאגֵיין אַזַא מַעֲשֶׂה.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער טָאג פוּנֶעם מִשְׁפָּט אוּן דֶער שׁוֹפֵט הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: ”וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם גֶעפֶערְלִיכְן אַקְט וָואס עֶר אִיז בַּאגַאנְגֶען?” הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אָנְגֶעטְרוּנְקֶען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל גֶעטוּהְן. הָאט דֶער שׁוֹפֵט גֶעשִׁיקְט פְרֶעגְן דֶעם רָב צוּ עֶס אִיז רִיכְטִיג אַז שִׂמְחַת תּוֹרָה טְרִינְקְט מֶען. זָאגְט דֶער רָב: ”יָא , מֶען טְרִינְקְט אַ קַאפִּיטְשְׁקֶע, מֶען טְרִינְקְט עֶפֶּעס ”

דֶער שׁוֹפֵט זָאגְט: ”פַּטֶרְ׳ן דִיךְ אִינְגַאנְצְן קֶען מֶען נִישְׁט, פָּארְט בִּיזְטוּ בַּאגַאנְגֶען אַ גְרוֹיסֶע זִינְד”, הָאט מֶען אִים אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַזַא עוֹנֶשׁ: אַז צְוֵויי שׁוּרוֹת מִילִיטֶערְלַייט זָאלְן זִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן אִין צְוֵויי שׁוּרוֹת אוּן עֶר זָאל דוּרְכְגֵיין אִינְמִיטְן אוּן כַאפְּן פוּן זֵיי שְׁמִיץ .

דִי קַאנְטְשִׁיקֶעס פְּלֶעגְן זַיין פוּן דְרָאטְן. פַארְצֵיילְט ר׳ יִצְחָק דָּוִד, מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע קְלֶעפּ אַז עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער אַז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז עֶר הָאט גֶע׳פַּטְרְ׳ט דֶעם עֲמָלֵקִי – דֶעם חֶבְרָה - מַאן, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט דִי קְלֶעפּ וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְּן.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיקְל צַייט, אוּן מֶען הָאט אִים בַּאפְרַייט פוּן מִילִיטֶער . אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי יִצְחָקְ׳ל נֶעשְׁכִיזֶער - רֶבִּי מָרְדְכָי׳לֶע נֶעשְׁכִיזֶערְ׳ס אַ זוּן . אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין דָארְטְן, זָאגְט עֶר פַאר דֶעם גַבַּאי: ”זָאג דֶעם רֶבִּי׳ן אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער וָואס ווִיל זִיךְ זֶען מִיט אִים”.

זָאגְט דֶער גַבָּאֵי: ”מֶען קֶען נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען” . זָאגְט עֶר פַארְן גַבַּאי: ”זָאג אִים אַז אֵיינֶער פוּן דִי קַאנְטָאנִיסְטְן אִיז גֶעקוּמֶען” . וֶוען ר׳ יִצְחָקְ׳ל הָאט דָאס גֶעהֶערְט, זָאגְט עֶר: ”עֶר דַארְף קוּמֶען צוּ מִיר? אִיךְ דַארְף אַרוֹיסְלוֹיפְן צוּ אִים ! אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן בַּיי דִי חֶבְרָה - אוּן עֶר אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אַ אִיד, שְׁטֵייט עֶר הֶעכֶער פוּן אַלֶעמֶען”. אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען. אַזוֹי הָאט אִים ר׳ נַפְתָּלִי דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם טַאטְן זַיינֶער.

(פַארְצֵיילְט דוּרְךְ ר׳ נַחְמָן בּוּרְשְׁטֵיין, טַעַם

זֶענֶען זֵיי אַזוֹי אוֹיסְן־גֶעוֶוען [אַרוּמְגֶעוַואנְדֶערְט] אוֹיף דֶער וֶועלְט! – בִּיז סְ'אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען, אַז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט וָואס דָארְט וואוֹינְט דֶער 'מִינִיסְטֶער' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], (דְהַיְינוּ: דֶער 'תַּם', זַיין חַבֵר פוּן דֶעם 'חָכָם', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

אוּן דָארְט אִין דֶער שְׁטָאט, אִיז גֶעוֶוען אַ אֱמֶתֶע'ר 'בַּעַל־שֵׁם'! – אוּן דֶער 'בַּעַל־שֵׁם' אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶוען, וָוארְן עֶר הָאט גֶעטָאן ווִילְדֶע [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] זַאכְן בֶּאֱמֶת! – אוּן אֲפִילוּ צְוִוישְׁן 'שְׂרָרוֹת' [מִינִיסְטָארְן], אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ מְפוּרְסָם, אוּן אִיז בַּיי זֵיי חָשׁוּב גֶעוֶוען!

אוּן דִי 'חֲכָמִים', זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין דֶער שְׁטָאט אַרַיין! – אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען! – אוּן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען פַאר דֶער שְׁטוּבּ פוּן דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם'! – הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן: "סְ'שְׁטֵייט דָארְט אַסַאךְ וֶועגְלֶעךְ [וֶועגֶענֶער] מִיט 'חוֹלִים', פֶערְצִיג אָבֶּער [אָדֶער] פוּפְצִיג"!

הָאט דֶער 'חָכָם' גֶעמֵיינְט: "אַז דָארְט וואוֹינְט אַ 'דָאקְטֶער'"! – הָאט עֶר גֶעוָואלְט צוּ אִים אַרַיינְגֵיין, מַחֲמַת [וַוייל] עֶר אִיז זִיךְ אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער 'דָאקְטֶער' – הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין, עֶר זָאל זִיךְ מִיט אִים דֶערְקֶענֶען [בַּאקַאנְט מַאכְן]. הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "וֶוער וואוֹינְט דָא"?! – הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַ 'בַּעַל־שֵׁם'"! הָאט עֶר גֶעטָאן אַ גְרוֹיס 'גֶעלֶעכְטֶער', אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם אַנְדֶערְן (דְהַיְינוּ: צוּם 'חָכָם' דֶער 'שְׁלִיחַ'):

"דָאס אִיז נָאךְ אַ 'לִיגְן' [לִיגְנְט] אוּן [זֵייעֶר] אַ [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] 'נַארִישְׁקֵייט' – דָאס אִיז נָאךְ מֶער 'נַארִישְׁקֵייט', אֵיידֶער [פוּן] דֶער 'טָעוּת' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ'! בְּרוּדֶער! אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן דָאס 'פַאלְטְשְׁקֵייט', וִויאַזוֹי דִי וֶועלְט אִיז אִין 'טָעוּת', אוּן אַזוֹי אַ 'לִיגְן' [אַזַא לִיגְנְט]"!

דֶערְוַוייל זֶענֶען זֵיי הוּנְגֶערִיג גֶעוֶוען! – הָאבְּן זֵיי בַּיי זִיךְ נָאךְ גֶעפוּנֶען דְרֵיי־פִיר 'גְרָאשְׁן'! זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער 'גָאר־קֶעךְ' [בֵּית־הַתַּבְשִׁיל] אַרַיין! – אוּן דָארְט קְרִיגְט מֶען עֶסְן אֲפִילוּ פַאר דְרֵיי־פִיר 'גְרָאשְׁן'! – אוּן הָאבְּן זִיךְ גֶעהֵייסְן גֶעבְּן עֶסְן! – הָאט מֶען זֵיי גֶעגֶעבְּן! דֶערְוַוייל וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן – הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁמוּעֶסְט, אוּן הָאבְּן גֶעשְׁפֶּעט, פוּן דֶעם 'לִיגְן' [לִיגְנְט] אוּן פוּן דֶעם 'טָעוּת' פוּן דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם' (וִוי דִי וֶועלְט אִיז זִיךְ טוֹעֶה)!

אוּן דֶער 'גָאר־קֶעכֶער' [קֶעכֶער] הָאט גֶעהֶערְט זֵייעֶרֶע רֵייד! – הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן! וָוארְן דֶער 'בַּעַל־שֵׁם' אִיז דָארְט זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶוען! – הָאט עֶר צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "עֶסְט אַייךְ אָפּ וָואס אִיר הָאט, אוּן גֵייט אַייךְ אַרוֹיס פוּן דַאנֶעט"!

נָאכְדֶעם אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין, אַ 'זוּהְן' פוּן דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם'! – אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ [אַלְץ] גֶעשְׁפֶּעט פוּן דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם', [אוֹיךְ פַאר] דֶעם 'זוּהְן' אִין דִי אוֹיגְן! הָאט זֵיי דֶער 'גָאר־קֶעכֶער' אָנְגֶעשְׁרִיגְן: "נָאךְ [אוֹיף] וָואס זֵיי שְׁפֶּעטְן פוּן דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם', [פַאר] דֶעם 'זוּהְן' אִין דִי אוֹיגְן"! בִּיז דֶער 'גָאר־קֶעכֶער' הָאט זֵיי גֶעשְׁלָאגְן גַאנְץ שְׁטַארְק, אוּן הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶעשְׁטוּפְּט פוּן זַיין שְׁטוּבּ!

הָאט עֶס זֵיי זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן! – הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט זוּכְן אַ 'מִשְׁפָּט', אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעשְׁלָאגְן!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "זֵיי וֶועלְן גֵיין צוּ זֵייעֶר 'בַּעַל־הַבַּיִת', וָואס זֵיי הָאבְּן דָארְט אָפְּגֶעלֵייגְט [אַרָאפְּגֶעלֵייגְט] זֵייעֶרֶע פֶּעקְלֶעךְ, זֵיי זָאלְן מִיט אִים אַ עֵצָה הַאלְטְן, וִויאַזוֹי זֵיי זָאלְן דֶערְלַאנְגֶען [דֶערְגְרֵייכְן אַז מְ'זָאל מַאכְן] אַ 'מִשְׁפָּט' אוֹיף דֶעם 'גָאר־קֶעכֶער' וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעשְׁלָאגְן"!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן [פַאר] זֵייעֶר 'בַּעַל־הַבַּיִת' דָאס דֶערְצֵיילְט: "אַז דֶער 'גָאר־קֶעכֶער' הָאט זֵיי זֵייעֶר גֶעשְׁלָאגְן"! הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס"?! – הָאבְּן זֵיי אִים דֶערְצֵיילְט: "וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיף דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם'"!

הָאט זֵיי דֶער 'בַּעַל־הַבַּיִת' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "סְ'אִיז אַוַודַאי קַיין יוֹשֶׁר נִישְׁט, אַז מֶען זָאל שְׁלָאגְן מֶענְטְשְׁן! – לוּשְׁמִיר

[אָבֶער] אִיר הָאט אָבֶער גָארְנִישְׁט רֶעכְט [רִיכְטִיג] גֶעטָאן, נָאךְ [אוֹיף] וָואס אִיר הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם' – וָוארְן דֶער 'בַּעַל־שֵׁם' אִיז דָא זֵייעֶר חָשׁוּב"!

הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן: "[אַז סְ'אִיז נִישְׁט פַארְהַאן אִין אִים גָארְנִישְׁט, אוּן] אַז עֶר אִיז אוֹיךְ אִין 'טָעוּת'"! זֶענֶען זֵיי פוּן אִים אַוֶּועקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם 'פָּקִיד' [הוֹיפְּט] – אוּן דֶער 'פָּקִיד' אִיז גֶעוֶוען אַ 'גוֹי' – הָאבְּן זֵיי אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה: "אַז מֶען הָאט זֵיי גֶעשְׁלָאגְן"!

הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס"?! – הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיף דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם'"! הָאט זֵיי דֶער 'פָּקִיד' אוֹיךְ גֶע'הַרְגֶ'עט גֶעשְׁלָאגְן! – אוּן הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶעשְׁטוּפְּט [פוּן זַיין שְׁטוּבּ]!

זֶענֶען זֵיי פוּן אִים אַוֶּועקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ הֶעכֶערְן וָואס הָאט צוּ שַׁאפְן! – אוּן הָאבְּן אַלְץ נִישְׁט גֶעפּוֹעלְט קַיין 'מִשְׁפָּט'! אוּן זֶענֶען אַזוֹי אַלְץ גֶעגַאנְגֶען, פוּן אֵיינֶעם צוּם אַנְדֶערְן – אַלֶעמָאל צוּ אַ הֶעכֶערְן! (אוּן הָאבְּן אַלְץ נִישְׁט גֶעפּוֹעלְט, נָאר מֶען הָאט זֵיי גוּט גֶעשְׁלָאגְן אַלֶעמָאל)!

בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען פַאר דֶעם 'מִינִיסְטֶער' (דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער 'תַּם' כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])! – אוּן דָארְט פַאר דֶעם 'מִינִיסְטֶער', זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען 'וַואכְן'!

הָאט מֶען גֶעמֶעלְדֶעוֶועט [גֶעלָאזְט וִויסְן] פַאר דֶעם 'מִינִיסְטֶער': "אַז אַ מֶענְטְשׁ בַּאדַארְף [דַארְף] צוּ אִים"! – הָאט עֶר גֶעהֵייסְן: "אַז עֶר זָאל אַרַיינְגֵיין"! אִיז דֶער 'חָכָם' גֶעקוּמֶען פַאר דֶעם 'מִינִיסְטֶער'!

וִוי עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען – הָאט אִים דֶער 'מִינִיסְטֶער' תֵּיכֶף דֶערְקֶענְט: "אַז דָאס אִיז דֶער 'חָכָם' זַיין חַבֶר"! אוּן דֶער 'חָכָם' הָאט אִים נִישְׁט דֶערְקֶענְט – מַחֲמַת [וַוייל] עֶר אִיז הַיינְט אִין אַזוֹי אַ [אַזַא] גְדוּלָּה [גְרוֹיסְקֵייט]!

הָאט תֵּיכֶף דֶער 'מִינִיסְטֶער' אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אִים צוּ רֶעדְן, אוּן עֶר הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: "זֶעה צוּ וָואס מַיין 'תְּמִימוּת' הָאט מִיךְ גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט], צוּ אַזוֹי אַ גְדוּלָּה [אַזַא גְרוֹיסְקֵייט]! – אוּן צוּ וָואס דַיין 'חָכְמָה' הָאט דִיךְ גֶעבְּרַאכְט"! הָאט זִיךְ דֶער 'חָכָם' אָנְגֶערוּפְן, אוּן הָאט גֶעזָאגְט: "אַז דוּ בִּיזְט דָאס מַיין חַבֶר דֶער 'תַּם'", דֶערְפוּן וֶועלְן מִיר שְׁפֶּעטֶער שְׁמוּעֶסְן – לְעֵת־עַתָּה גִיבּ מִיר אַ 'מִשְׁפָּט', נָאךְ [אוֹיף] וָואס מֶען הָאט מִיךְ גֶעשְׁלָאגְן"!

פְרֶעגְט עֶר אִים: "פַארְוָואס הָאט מֶען דִיךְ גֶעשְׁלָאגְן"?!

עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים: "אָט וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אוֹיף דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם', וָואס עֶר אִיז אַ 'לִיגְנֶער'! – אוּן דָאס אִיז גָאר אַ 'שְׁוִוינְדְל'"! רוּפְט זִיךְ אָן דֶער 'תַּם' דֶער 'מִינִיסְטֶער' צוּ אִים: "נָאךְ [אַלְץ] הַאלְסְטוּ דִיךְ אִין דַיינֶע חָכְמוֹת?! זֶעה דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט: 'אַז דוּ קֶענְסְט אוֹיף מַיינֶעם קוּמֶען גָאר גְרִינְג, אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיף דַיינֶעם נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען'! הַיינְט זֶעה: אַז אִיךְ בִּין אוֹיף דַיינֶעם שׁוֹין לַאנְג גֶעקוּמֶען (וָוארְן דֶער 'תַּם' אִיז זִיךְ שׁוֹין גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער 'חָכָם' אוֹיךְ, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])! אוּן דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען אוֹיף מַיינֶעם! אוּן אִיךְ זֶעה: אַז דָאס אִיז שְׁוֶוערֶער, אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף מַיין 'תְּמִימוּת'"!

אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט, וַוייל דֶער 'תַּם' דֶער 'מִינִיסְטֶער', הָאט אִים גֶעקֶענְט פוּן לַאנְג, אַז עֶר אִיז אַמָאל גְרוֹיס גֶעוֶוען – הָאט עֶר אִים גֶעהֵייסְן: "[אַז מֶען זָאל אִים] גֶעבְּן 'קְלֵיידֶער', אַז מֶען זָאל אִים אָנְטָאן"! – אוּן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן: "אַז עֶר זָאל מִיט אִים עֶסְן"!

בְּשַׁעַת [בְּשַׁעתְ'ן] עֶסְן, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן!

הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער 'חָכָם' אִים צוּ דְרִינְגֶען [אוֹיפְוַוייזְן] זַיין 'נַארִישֶׁע דֵעָה' [גֶעדַאנְק]: "אַז סְ'אִיז גָאר קַיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט דָא"! הָאט אוֹיף אִים דֶער 'תַּם' דֶער 'מִינִיסְטֶער', אַ גֶעשְׁרֵיי גֶעטָאן: "וָואס זָאגְסְטוּ? אִיךְ אַלֵיין הָאבּ זִיךְ גֶעזֶעהְן דֶעם 'מֶלֶךְ'"!

עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער 'חָכָם' מִיט 'גֶעלֶעכְטֶער': "דוּ וֵוייסְט 'אַלֵיין' אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער 'מֶלֶךְ'?! – דוּ קֶענְסְט אִים?! – דוּ הָאסְט גֶעקֶענְט זַיין טַאטְן, זַיין זֵיידְן, אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען 'מְלָכִים'?! – פוּן וַואנֶעט וֵוייסְטוּ אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער 'מֶלֶךְ'?! [וַוייל] 'מֶענְטְשְׁן' הָאבְּן דִיר גֶעזָאגְט: 'אַז דָאס אִיז דֶער 'מֶלֶךְ''?! – זֵיי הָאבְּן דִיךְ אָפְּגֶענַארְט"!

הָאט דָאס דֶער 'תַּם' זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן: "אוֹיף דֶעם וָואס עֶר לֵייקֶנְט אִין דֶעם 'מֶלֶךְ'"!

שם: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די ניינטע מעשה - דער חכם און דער תם (7)

**א. צו וועלכע שטאט זענען די חכמים אן געקומען אין זייער וועג?**
- ☐ אין די שטאט וואס דער חכם איז געבוירן
- ☐ אין די שטאט וואס דער תם וואוינט דארט.
- ☐ אין די שטאט וואס דער מלך וואוינט דארט.

**ב. וואס האבן די חכמים געזען אין פארנט פון דער בעל שם'ס שטוב?**
- ☐ גרויסע הייליגע צדיקים.
- ☐ דער תם האט דארטן געווארט אויף אים.
- ☐ אסאך וועגעלעך מיט חולים.

**ג. פארוואס האט דער חכם געוואלט אריין גיין צו דעם בעל שם?**
- ☐ ווייל ער האט געוואלט א ברכה פון צדיק.
- ☐ ווייל ער האט געוואלט מוכיח זיין פארן בעל שם אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.
- ☐ ווייל ער האט געמיינט אז דארט וואוינט א דאקטער, און ער האט געוואלט זיך מיט אים דערקענען.

**ד. וואס האבן די חכמים געטאן אין גאר קעך (בית התבשיל)?**
- ☐ זיי האבן געשפעט פון דעם אז עס איז דא א מלך.
- ☐ זיי האבן געשפעט פון דעם בעל שם.
- ☐ זיי האבן געבעטן אסאך עסן.

**ה. וואס האט זיי געזאגט דער גאר קעכער?**
- ☐ זיי זאלן שנעל ארויס גיין פון גאר קעך.
- ☐ עסט אייך אפ און גייט ארויס פון דאנט.
- ☐ מען טאר נישט רעדן אינמיטן עסן.

**ו. וואס האט זיי דער גאר קעכער געטאן נאך ווען דער זון פון דער בעל שם איז אריין געקומען?**
- ☐ ער האט זיי געשלאגן גאנץ שטארק.
- ☐ ער האט זיי ארויס געשטופט פון זיין שטוב.
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ז. וואס האט דער פקיד (דער גוי) געטאן פאר די חכמים אויף דעם וואס זיי האבן גערעדט אויפן בעל שם?**
- ☐ ער האט זיי געשלאגן גאנץ שטארק.
- ☐ ער האט זיי ארויס געשטופט פון זיין שטוב.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ח. וואס האט דער תם (דער מיניסטיר) געזאגט צום חכם ווען ער איז געקומען צו אים?**
- ☐ זעה צו וואס מיין תמימות האט מיך געבראכט צו אזא גדולה.
- ☐ זעה צו וואס דיין חכמה האט דיך געבראכט.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ט. וואס לערנסטו זיך דערוויילו פון די מעשה?**
- ☐ אז תמימות ברענגט א מענטשן צו אזא גדולה.
- ☐ אז חכמות ברענגט א מענטשן צו עניות.
- ☐ ____________________.

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק

### טיפער געדאנק

**וואו זעט מען אין דער מעשה אז דער תם האט רחמנות געהאט אויפן חכם,**
**און וואו זעט מען אין די פריערדיגע וואכן אז דער חכם האט רחמנות געהאט אויפן תם?**



**תשובות אויף די מעשה פון דער חכם מיטן תם (5)**

**וועלכע מידה האט דעם חכם זיך געפירט כדי צו ווייזן אז עס איז נישטא קיין מלך (ח"ו)?**

מיט מעה פסולה

**וויפיל מאל האט דער חכם אויפגעוויזן אז עס איז נישטא קיין מלך (ח"ו) ?** פיר מאל

**די געווינער פון חכם ותם #4 און #5 זענען:**

**הילד החשוב אהרן ליינער, בית שמש און הילד החשוב צבי אלימלך מנדליאל, בית שמש**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייניין אינעם גורל, 72-3333-5-02 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

## דֶער פוֹיגְל אוּן דִי אֵייעֶר

אַ שֵׁיינֶעם מָשָׁל הָאט ר' נָתָן גֶעהֶערְט נָאכְזָאגְן פוּן רֶבִּי'ן.

עֶס אִיז פַארְהַאן אַזַא סָארְט פֵייגְל, וָואס לֵייגְט גָאר אַסַאךְ אֵייעֶר, אַז עֶס אִיז אִיר מֶער נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ קֶענֶען זִיצְן אוֹיף אִירֶע אֵייגֶענֶע אֵייעֶר, עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם פֵייגֶעלֶעךְ. הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אִיר אַ טֶבַע, אַז זִי גֵייט שְׁטִילֶערְהֵייט אוּן וַוארְפְט אַרַיין אִין פְרֶעמְדֶע נֶעסְטְן אִירֶע אֵייעֶר, זִי גֵייט פוּן אֵיין נֶעסְט צוּם צְוֵייטְן אַרַיינְוַוארְפְן אַן אַיי, וֶוען דִי מַאמֶע פוּן דִי נֶעסְט וֵוייסְט גָארְנִישְׁט אַז זִי זִיצְט אוֹיף אַ פְרֶעמְדֶע אַיי, בִּיז עֶס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן זֵיי פֵייגֶעלֶעךְ.

אוֹיךְ דִי פֵייגְל פוּן וֶועמֶען מִיר דֶערְצֵיילְן יֶעצְט, זֶעצְט זִיךְ אוֹיף אִירֶע פַארְבְּלִיבֶּענֶע אֵייעֶר אוּן עֶס קוּמֶען אַרוֹיס דִי פֵייגֶעלֶעךְ אוּן דַאן פְלִיעֶט זִיךְ מִיט אִירֶע נַיי גֶעבּוֹירֶענֶע פֵייגְלֶעךְ אוּן הֵייבְט אָן פַייפְן אוּן קְוִויטְשְׁקֶען, אַז דִי פֵייגֶעלֶעךְ וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי דִי פְרֶעמְדֶע נֶעסְטְן הֶערְן דִי קוֹלוֹת אוּן דֶערְקֶענֶען דָאס קוֹל פוּן דִי מַאמֶע אוּן קוּמֶען גְלַייךְ צוּ דִי פוֹיגְל פוּן וֶועמֶען זֵיי זֶענֶען בֶּאֱמֶת גֶעבּוֹירְן אוּן גֵייעֶן צוּרִיק צוּ אִיר.

דֶער נִמְשָׁל קֶען מֶען אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין וֶוער עֶס פַארְשְׁטֵייט עֶפֶּעס אַ רֶמֶז אִיבֶּער דֶער גְרוֹיסֶער עֵסֶק פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס פִירוּנְג מִיט דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט. חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תר"ג)

~ מעמד סיום השתפכות הנפש - מתמידים והודעתם לבניך, מאנסי ניו יארק ז' אדר א' ~
















